STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05353

LEVONE IN MAYN FENSTER

Philip Rabinowitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פייװעל ראַבינאָװיטש

לבנה אין מײַן פענסטער

●●●●

NEW YORK
1937

Copyright by
PHILIP RABINOWITZ
1936

printed in U.S.A.

צייטן

I.

קלאָרער פרי מאָרגען מיינע קינדער יארען,
זונשטראַלענדיג מיינע שפּעטערע יארען,
אָסיענדיג גאַנוועט זיך די עלטער אריין,
רעגנענדיג און ווינטיג און ווינציג זונשיין.

אַ ברויזענדיגער טייך די יונגע יארען,
אַ שטילער וואסער די מיטעלע יארען,
ווי אויפּען אייז־מער די יארען פון עלטער,
וואָס ווייטער פון ברעג ווערט די לופט אלץ קעלטער.

צייטען

II.

טעג פערגאנגענע, שוין לאנג אוועק,
טעג וואס איך געדענק זיי שוין קוים,
טעג פון געוועזענע פרייד און שרעק,
שטייען פאר מיר איצט ווי אין טרוים.

טעג וואס האבען מיין וויגעל געזייען,
מיר געבראכט ערשטען שטראל ליכט,
טעג וואס פלעגען מיין יוגענד פרייען,
שטייען איצטער פאר מיין געזיכט.

טעג וואס כ'האב מיט חכמים פארבראכט,
סטודירט אביי און רבא,
געלויבט, באזינגען געטליכע מאכט,
מיט געטליך געזאנג פון נביא.

טעג, ווען איך פלעג מיט איר זיך טרעפען,
ווען מערב האָט געפלאמט אין גאָלד,
איינער איז דעם וועג מיר פארלאפען,
אזוי האָט איר טאטע געוואָלט.

טעג, וואָס זיינען ירושה פארבליבען,
היילינע, פריידיגע, צו זיין,
צייט האָט די הייליגקייט פארטריבען,
און די פרייד ניט געלאָזט אריין.

שטייען די טעג פאר מיינע אויגען,
אויפן הארץ ווערט מיר אזוי שווער,
גאָלדענע טעג זיינען פערפלויגען,
צוריק נישט צו קומען שוין מער.

צייטען

III.

צייטענווייז באַגער איך טעג זאָלען זיין גרויס,
נאַכט זאָל גאָר קיינמאָל ניט ווערן,
צייטענווייז פרייט מיר, ווען דער טאָג לאָזט זיך אויס,
די נאַכט ברייננגט לבנה און שטערן.

צייטענווייז, ווייל איך טרעפען אַמאָליקע פריינט,
צו וועלכע איך פלעג גערען גיין,
און טרעף איך גאָר הייַנטיגע בלוטיגע פיינט,
וואָס זייער וואָרט שטעכט ביז'ן ביין.

צייטענווייז וואָלט איך וועלען שרייבען מיין ליד,
אַ ליד, פרייליכע געזאַנגען,
וואוינט אף יענער זייט ים, מיין ברודער דער איד,
נאָענט צו גיפטיגע שלאַנגען.

צייטען

IV.

צייטען האָט זיך מיר שוין געטראָפּען,
איך האָב געליטען נויט,
כ'האָב נישט געהאַט וואו צו שלאָפען,
און נישט געהאַט קיין ברויט.

בין איך נעכט אין דרויסען געזעסען,
פון דער לבנה געטראַכט,
פונקט ווי איך איז זי אומגעגעסען,
און וואַנדערט גאָר די נעכט.

די שטאָלצע זון, גרויס, מעכטיג און רייך,
באַשטראַלט די טעג מיט פרייד,
די לבנה, ארעם, בלייך, מיט מיר גלייך, —
שטעלערהייט גייט און גייט.

ציימען

V.

צייטענוויז דוכט מיר, איך זיץ אין שאפּ,
ביים מאשין, און דריי די רעדעל,
די נודל טאַנצט ארויף און אראָפּ,
טאַנצט איבער א ווייבערש קליידעל.

און דער באָס גייט אום היין און צוריק,
זיינע בייזע אויגען אף מיר,
ער שטעכט מיר דורך מיט זיין בייזען בליק,
ווי עס שטעכט א בייזער געשוויר.

און מאשינען הוזשען און זשומען,
מיינע גלידער טוען מיר וויי,
איך האָף דער גרויסער טאָג וועט קומען,
און דערווייל די רעדעל איך דריי.

צייטען

VI.

צייטען, ווען איך קאָן ארום לויפען,
לויף איך און ווער באַגאָסען מיט שוויים,
פרייט זיך מיין ווייב, זי קאָן אַלץ קויפען,
מיין טייערער, די צייטען איך היים.

צייטען ווען איך מוז זיצען אין הויז,
ווייל איך קאָן נישט מער ארום לויפען,
דאַן וויינט מיין ווייב אירע אויגען אויס,
זי קאָן נעבאך גאָרנישט ניט קויפען.

צייטען וואָס ציען זיך גלות־לאַנג,
מיר דוכט זיך, איך שטיי אין מיטען וועג,
די נשמה אומרוהיג די האַרץ באַנג,
לאַנגזאם און שווער ציען זיך די טעג.

צייטען

VII.

צייטענווייז, ציט מיר צו די הויכע ספּערען,
הויכע געזאַנג דאָרט צו הערען,
אמת'ע הויכקייט באַגריסען,
עפּעס העכערס זיך דערוויסען,
אָבער, ווי קען מען הויכע געזאַנג הערען?
ווען עס בילען הינט אין די הויכע ספּערען.

טרוים איך שוין בעסער פון וואַלד, פון אַלטען בוים,
שטילקייט איז מיין אייביגער טרוים,
איך ליב וואַלד'ס ריח דעם זיסען,
די טייכלאַך וואָס אין וואַלד פליסען,
אָבער, ווי קאָנען וואַלד און בוימער זיין שטיל?
ווען דער וואַלד איז מיט ווערעם און דזשאַבעס פיל.

צייטען

VIII.

צייטענווייז איז דאָס וואָרט פּאַטערלאַנד, —
מיט ניט געשמאַק צו הערען,
אַ וואָרט וואָס פּאַרדעקט אומרעכט און שאַנד,
און ברייינגט ליידען און טרערען.

פּאַטערלאַנד, ווארט פאר דעמאַגאָגען,
צו פארנארען יונגעלייט,
ווי זיי ווערען צום טויט דערשלאָגען,
אין לענדער פרעמדע און ווייט.

פּאַטערלאַנד, פּאַראַלאַזירט דעם פערשטאַנד,
און מאַכט גייט איבער צום שווערד,
פּאַטערלאַנד, רואינירט לעבען און לאַנד,
און פאַרפּלייצט מיט בלוט די ערד.

פֿאָטערלאַנד איז פֿאַר מענטשען שיינע,
אַ אמת הארציגע פֿרייד,
פֿאר די, מיט געדאַנקען אומריינע,
אַ מאַנטעל פֿאר פֿאלשע רייד.

צייטען

IX.

צייטענווייז ווען איך גיי א קלויסטער פערביי,
מוז איך א ווייל̈ע בלייבען שטיין,
בילדער פון אמאָל לויפען מיין וועג פערביי,
און לאָזען מיר ווייטער נישט געהן.

בלייב איך שוין שטייען ביי דעם הייליגען מויער,
און באטראַכט די הייליגע ווענט,
עס דוכט מיר, אז אין דעם הייליגען מויער,
האָט מען מיינע ברידער געברענט.

איך הער די געשרייען פון מיינע ברידער,
מ'ברעכט זיי די פיס און די הענט,
און איך זיי די גלידער פון מיינע ברידער,
פאַרמויערט אין הייליגע ווענט.

די ציגעל דוכט מיר איז געוויינט אין טרערען,
און טרערען פון מיינע ברידער,
פון פרויען און קליינע קינדער די טרערען,
ביים רייסען זייערע גלידער.

און אויך פאר א שוהל געה איך הין און צוריק,
און טראכט פון הייליגען מויער,
פון האנדלונגען פון דורות פון יארען צוריק, —
געשרייען גרייכען מיין אויער.

איך הער די געשרייען פון מיינע ברידער,
צו שפינאזא דעם פיליאזאף,
איך הער בייזע שטימען פון מיינע ברידער,
זאלסט זיין פארשאלטען ביז דיין סוף.

איך הער די געשרייען פון מיינע ברידער,
געשרייען פון אנגסט און פון בראָך,
איך הער די געשרייען פון מיינע ברידער,
ווי זיי פרעגען, גאָט ווי לאנג נאָך?

ציימען

X.

זעהר אָפט, ווען אַ שווערער יאר גייט אַוועק,
קומען מיר אויפ'ן געדאַנק, יארען פון שרעק,
עס דערמאָנט מיר יארען, שוין לאַנג פון ווייטען,
וואָס קאָנען יאָרען היינטיגע פארבייטען,
איך דערזעה די אַמאָליקע מענטשען פיינט,
ארים און ארים מיט די שונאים פון היינט,
שפּאַנען אויף זייער לאַנגען פינסטערען וועג,
און טראָגען פינסטערניש נאָך פון יענע טעג.

טראַכט איך פון המן — אַמאָליקע יאָרען,
זעה איך דעם המן וואָס איז איצט געוואָרען,
לייען איך ווידער אַמאָל, המנ'ס העצען,
זעה איך ארוים נירענבערגער געזעצען,
דער'הרג'ען, אומברייינגען, קיינער זאָל בלייבען,
די געזעטצע וועט פון לאַנד זיי פערטרייבען,
פערשיידנע צייטען, און פערשיידנע ערטער,
כמעט די זעלבע רייד, נאָר אַנדערע ווערטער.

אויסגעהאַלטען און באַשיצט פון צוואַנג און טויט,
אין די הערצער שרעק פאר די פארבען פון רויט,
זיינען הערשער פון אַמאָליקע יארען,
אויך די הערשער וואָס זיינען איצט געוואָרען,
די הערשער אין נאָמען פון רעליגיאָנען,
און די וואָס הערשען, ווייל הערשען זיי קענען,
היישיריקען וואָס קומען בלויז צושטערען,
דערלאָזען נישט די מענטשען ברידער ווערען.

צייטען

XI.

ווען מיטעננאכט וואויעט דער ווינט,
ארום און ארום איז שטיל,
דוכט מיר אז ערגעץ וויינט א קינד,
ווייל עס האָט נישט וואָס עס וויל.

דער הערבסטיגער רויש פון בוימער,
בעשאפט אין מיר א געדאנק,
פאר די זומער ליבעס־טרוימער,
דאָס איז א לויה געזאנג.

ווען רעגען קלאפט אַף די שויבען,
און אומעט מיין הארץ פרעסט,
דוכט מיר אז עלענדע טויבען,
זוכען אווארעמען נעסט.

צייטען

XII.

מ'צינד ליכט און עס קומען מענשען,
זיי עסען, טרינקען און זיי בענטשען,
דעם וואָס איז נאָר וואָס געוואָרען געבוירען,
אַז ער זאָל לעבען לאַנגע יארען.

מ'צינד ליכט און עס קומען מענטשען,
זיי עסען, טרינקען און זיי בענטשען,—
די וואָס זיינען ערשט פערהייראַט געוואָרען,
אויסצולעבען גליקליך די יארען.

מ'צינד ליכט און עס קומען מענטשען,
מיט פאַרווייטע אויגען זיי בענטשען, —
דעם שיינעם נאָמען וואָס עס האָט ערוואָרבען,
דער וועלכער, איז נאָר וואָס געשטאָרבען.

ווי געבוירען, אַ פירער צו זיין

ווי געבוירען, א פירער צו זיין,
באפויל, איז געווען אין זיין וואָרט,
ער פלעגט קיינמאָל אין כעס ניט אריין,
ווען מ'האָט געטאָן, וואָס ניט געטאָרט,

א הויכער, און די באָרד ברייט און לאנג,
א פנים פון א פאטריארך,
די שטוב פלעגט ווערען פול מיט געזאנג,
פון טאטענס א וויץ, און א לאַך.

די מאמע איז געווען פרום און שיין,
זי האָט געהאט גילדענע הענט,
אומעטדיג, פערזאָרגט, איז זי געווען,
און האָט נייען, שטריקען געקאָנט.

מאַמע פערזאָרגט, דער טאַטע פריילאך,
זיינען געווען אַ שיינע פּאָר,
אָפּגעלעבט אַלע יאָרען גליקלאך,
געשטאָרבעןביידע אין איין יאָר.

עס שפּילט און זינגט אַ אָרקעסטער

עס שפּילט און זינגט אַ אָרקעסטער,
געזאַנג פון יונגענד פריידען,
די זינגער ברידער און שוועסטער,
זינגען שטימען פערשיידען.

הערט מען שטימען איידעל און צאַרט,
וואָס זינגען און קלינגען שיין,
הערט מען שטימען ווי מעטאַל האַרט,
די טענער ריכטיג און ריין.

שפּילט זיך דער שיינער אָרקעסטער,
איך הער צו, און באַוואונדער,
די שפּילער ברידער און שוועסטער,
זיי זיינען מיינע קינדער.

פרעגט מיר מיין אייניקעל קלוג און שיין

פרעגט מיר מיין אייניקעל קלוג און שיין,
זיידע, בינסטו אויך געוועזען קליין?
און בינסטו אויך געגאנגען אין שול?
אין דיינע יונגע יארען אמאל.
מיין קינד, הער מיט קאפ דעם ענטפער אויס,
אלעס וואס דו זעהסט אצינדערט גרויס,
מענטשען, חיות, פלאנצען און בלומען,
זיינען אויף דער וועלט קליין געקומען,
אבער נאטור האט ליב דאס לעבען,
האט זי געזעצט ארויס געגעבען,
דער בעשאף זאל ווערען מעכטיג גרויס!
און אלע פאלגען די געזעץ אויס,
איז אלץ וואס ס'ווערט קליין געבוירען,
וואקסט דאס גרויס אין שפעטערע יארען,
איך האב מיין קינד, פארשטייסט שוין אצינד,
אז איך בין אמאל געוועזן א קינד,
לערנען ווי אזוי א מענטש צו זיין,
בין איך געגאנגען אין שול אריין.

מיין אייניקעל מיט די שיינע אויגען

מיין אייניקעל מיט די שיינע אויגען, —
פרעגט, ווער מאכט די זיידעס אײנגעבויגען?
ווער שלעפט דאָס זיי צו דער ערד אַראָפּ?
און זייערע האָר, ווער זילבערט אָפּ?

מיין קינד, דער ענטפער איז לאַנג באַוואוסט,
אַלץ וואָס ס׳לעבט, האָט אַ לעבענס - לוסט,
גרייט דאָס לעבען אָן אַ שווערען באַרג,
און הענגט אים אָן אויף דעם מענטשענ׳ס קאַרג.

און דאָס לעבען גיט דעם מענטש אַ זאָג,
ווילסט זיין אַ זיידע? טראָג דעם באַרג, טראָג,
אָט דער באַרג באַשטייט פון פרייד און לייד, —
מיט עלטער און זאָרג צונויף געדרייט.

אָט דער באַרג, שלעפּט די זיידעס אַראָפּ,
און זייערע האָר ער זילבערט אָפּ,
נאָר דער לעבענס־לוסט איז זעהר שטאַרק,
טראָגט מען מיט חשק דעם שווערען באַרג.

צו אַ פריינט

I.

פריינט, קום צו מיין געבורסט טאָג מיר באַגריסען,
און בלויז דאָס נייע וואָרט זאָלסטו זאָגען,
איך זאָג דאָס דיר מיין פריינט, די זאָלסט דאָס וויסען,
אז וואָס אַלט איז מיר שווער צו פערטראָגען

ניט זאָג מיר די זון הויבט שוין אָן צו פארגיין,
און אַז דער הימעל הויבט אָן ווערען רויט,
דו פאַרשטייסט געווים אַז איך וויים דאָס אַליין,
אַז וואָס איצט ער לעבט וועט שפּעטער זיין טויט.

דערציייל מיר בעסער פון די יונגע רויזען,
די רויזען וואָס האַלטען נאָך אין בליען,
פון פונקען וואָס האָבען ערשט זיך בעוויזען,
און הויבען שוין אָן פונאַנדערט גליען.

צו אַ פריינט

II.

פריינט, ווען שווארצע וואָלקענס פון אַלע זייטען יאָגען,
ניט מיין, אַז עס ווערט פינסטער די וועלט,
זאָל דיר ניט אַרען, וואָס שונאים רעדען און זאָגען,
האַלט ליכטיג און הערלאַך דיין געצעלט.

ווען ליכטיגקייט וועט ארויסקומען פון דיין געצעלט,
דיינע שונאים די וועסט פאַרטרייבען,
ווען ליכטיגקייט וועט זיגען איבער דער גאַרער וועלט,
אַ לייכט־טורעם דו וועסט פערבלייבען.

די וועלט וועט אייביג אין דער פינסטער ניט פערבלייבען
די וואָלקענס קענען אייביג נישט שטיין,
שטורעמס וועלען די וואָלקענס די שווארצע צוטרייבען,
די הימלען וועלען ווידער זיין ריין.

צו אַ פריינט

III.

פריינט, ווען פון דיין האַרץ אַ פרייד זינגט אַרויס,
געדענק, ערגעץ ווי גיסט זיך אַ טרער,
ס'טרעפט אַמאָל, אַז די פרייד לאָזט זיך אויס,
און צוריק זי קומט קיינמאָל ניט מעהר.

פריינט, ווען פון דיין אויג אַ טרער שפּאַרט אַרויס,
געדענק אַז די פרייד שטייט ביי דיין טיר,
עפען דיין הויז, ווען דער אומעט אַרויס,
און די וועסט האָבען די פרייד ביי דיר.

פרייד און טרערען איז די אייביגע פּאַר,
וואָס יעדער באַשאַפט זיי אַליין,
ס'טרעפט אַמאָל, אַז מ'וויל איינעם נאָר,
אָבער ביידע זיי קומען צוגיין.

צו אַ פֿריינדין

I.

האָסט געבראַכט מיר אַ מאָרגען אַ קלאָרען,
ווען געטונקעלט האָט מיר שוין די נאַכט,
מיין חלום פון אַמאָליקע יארען,
האָסטו איצטער אויפען וואָר געבראַכט.

האָסטו נאָך אַמאָל אויפגעעשטראַלט אין מיין האַרץ,
די אַמאָליגע האַרציגע פרייד,
אָבער די האָסט אויך מיר דערמאָנט דעם שמערץ,
ווען מיר האָבען זיךביידע צושייד.

אונזער לעצטען מאָל זיך באַגעגענען,
און אין דיינע אויגען די טרערען,
ווען די האָסט געפרעגט ביים געזעגענען,
וועל איך נאָך פון דיר אַמאָל הערען?

צו אַ פריינט

V.

פריינט, אַז ביסט פּונקט ווי אַלע ארום,
ווייסט, דער וואָס וויל נאָר ווייסען,
אַז דו האַנדעלסט אַמאָל גוט, אַמאָל קרום,
דאַרפסטו אַליין דאָס ווייסען.

פריינט, ביסט ניט ערגער און אויך ניט בעסער,
פון קיינעם אויף אונזער ערד,
דו ביסט ניט קלענער און אויך ניט גרעסער,
און האָסט דעם זעלביגען ווערט.

פריינט, זאָל דיר ניט אַרען זייער געשריי,
פערליר נאָר נישט די געדולד,
זיי ווייסען נאָך נישט, ווער עס טוט זיי וויי,
וואַרפען זיי אויף דיר די שולד.

צו אַ פריינדין

I.

האָסט געבראַכט מיר אַ מאָרגען אַ קלאָרען,
ווען געטונקעלט האָט מיר שוין די נאַכט,
מיין חלום פון אַמאָליקע יארען,
האָסטו איצטער אויפען וואָר געבראַכט.

האָסטו נאָך אַמאָל אויפגעעשטראַלט אין מיין הארץ,
די אַמאָליגע הארציגע פרייד,
אָבער די האָסט אויך מיר דערמאָנט דעם שמערץ,
ווען מיר האָבען זיךביידע צושייד.

אונזער לעצטען מאָל זיך באַגעגענען,
און אין דיינע אויגען די טרערען,
ווען די האָסט געפרעגט ביים געזעגענען,
וועל איך נאָך פון דיר אַמאָל הערען?

צו אַ פריינדין

II.

אין דיינע שיינע אויגען צוויי,
קלוג און טריי לייען איך אין זיי,
ניטאָ שוין דער יוגענד פייער,
אָבער דאָך שיין אומגעהויער.

אין דיינע שיינע בלאָנדע האָר,
איז מיט זילבער באַפּוצט שוין גאָר,
רייכער געמאכט זייער קאָליר,
נאטורס אַ מתנה צו דיר.

דיין קערפּער פול איז געוואָרען,
אָבער דעם רייץ ניט פארלוירען,
ווי אמאָל ביסטו פול מיט חן,
אַ גוטע נשמה ווי געווען.

צו אַ פריינדין

III.

ניט אין שפעט־ביינאַכטיגע שעה'ן,
ניט אין אַ באַגינען ־ אַ בלויען,
ניט דאַן האָב איך זי געטראָפען, ניין!
ניט אין די טונקעלע אַלייען,
ניט אויף בערג פון אייביגע שנייען,
ניט דאָרטען, האָב איך זי דערזעהן.

אין אַ צייט ווען עס האָט געהערשט נויט,
און קינדער האָבען געוויינט פאר ברויט,
און זי מיט טרעהרען אין די אויגען,
און מיט איהרע קלוגע־זיסע רייד,
האָט דאַן זייערע הערצער דערפרייט,
דעמאָלט האָט זי מיר צוגעצויגען.

אַ בריף צו פריינט מאריער

פריינט מאריער, ווי גייט דיר אין לאַנד פון טונקעל־רויט?
ווי די פירער זיינען פינסטער שווארץ,
מאריער, ווי גייט דיר אין לאַנד ווי פּראָגרעס איז טויט, —
און מ'רעגירט אָן קאָפּ און אָן הארץ?.

פריינט מאריער, איך ווייס אַז דו פריידיגסט פּאָגראָמען,
ווייל האָט אַזוי וויל האָבען איינער,
די שענסטע זין און טעכטער, ער זוכט אויסצוראמען,
פאר ברויט זיי אָפּצאָלען מיט שטיינער.

פריינט מאריער, וואו איז דאן געוועזן דיין געוויסען, —
ווען די האָסט הייליגקייטען געברענט?
און די האָסט אויך פון הייליגע שטיקער געריסען,
געריסען מיט דיינע צארטע הענט.

פריינט מאריער, דער וואָס שטייט איצט ביי דיין לאַנד'ס רודער,
און שרייט אַז ער וועט גרייכען גאָר הויך,
זאָגט מען, אַז ער איז דעם שטנ'ס לייבליכער ברודער
און הויכקייט איז ניט דעם שטנ'ס כח.

א בריף צו מאַדאַם פּאַלסקי

מאַדאַם פּאַלסקיא, מיין טייערע,
איך שרייב צו אייך דעם בריף,
אייך צו געבען א באַגריף,
וואָס מ'רעדט פון אייך, מיין טייערע,
צייט איר זייט אַוועק פון אייער מאַן,
דעם אַמאָליקען רוסישען טיראַן.

מאַדאַם, מ'הערט אָפט פון אייךריידען,
אַז איר פירט זיך נישט שיין,
איר זענט נישט דאָס וואָס געווען,
אַמאָל זיינט איר געווען באַשיידען,
קוים איר האָט זיך באַפרייט פון טיראַן,
לויפט איר גאָר גאָך, נאָך א שאַרלאַטאַן.

דער שאַרלאַטאַן פירט אייך פאַר דער נאָז,
ער רייצט אייך אָן אויף פריינט!
בעהאַנדעלט איר זיי ווי פיינט,
מאַדאַם, איך וויל אייך זאָגען אָט וואָס,
דער שאַרלאַטאַן מאַכט אייך א חנדעל,
אָפּ צו לעקען פון אייך אביינדעל.

מאדאם, פאָלגט מיין עצה, לאָזט אים אָפּ,
ער איז פאר אייך קיין פּאָר,
ער וויל ווערען אייער האַר, —
דעריבער פארדרייט ער אייך די קאָפּ,
ער'ט דאָ לאנג ניט שטיין דאָס איז געוויס,
פאלשקייט און ליגען האָבען קיין פיס.

דער בלויער פויגעל איז טויט

ווען דער פויגעל איז אָנגעקומען,
איז ער געווען בלאָה און שיין,
ער האָט זיך זעהר גרוים פארנומען,
נאָר איז לאנג דאָ נישט געווען.

דעם פויגעל האָט מען צו אונז געבראכט,
מיט אים אלץ צו פאריכטען,
אָבער באלד האָבען זיי זיך באטראכט,
זיי וועלען אים פארניכטען.

ווייל ווי דער פויגעל איז געקומען,
איז ער געוואָרען פערשייט,
ער האָט פריי און אָפען גענומען,
פליכטען מיט די ארבעטלייט.

האָבען די גרויסע לייט באשלאָסען,
אים צו מאַכען פאר אוים העלד,
עס האָט זיי זעהר שטארק פארדראָסען,
ער ברייננגט זיי נישט גענוג געלט.

זיינען געקומען שווארצע ראבען,
געכאפּט דעם פויגעל ביים קארג,
און אים דער'הרג'ט און באגראָבען ,
און ער איז אראָפּ פון מארק.

די נאַין גרויסע ריכטער

נאַין גרויסע ריכטער, דאָס זיינען זיי,
לאַנגע שוואַרצע קליידער טראָגען זיי,
קיין ליכטיג פינטעל נישטאָ אין זיי,
געפרוירענע הערצער האָבען זיי,
אַ שוואַרצער רויך און אַ געדיכטער,
ציט זיך פון די נאַין גרויסע ריכטער.

שיקאַגאָ'ס מאַרטירער פון פרייען געדאַנק,
קומען צו די נאַין ריכטער מיט אַ פערלאַנג,
גרויסע ריכטער, וואַרפט אום דעם אורטייל פון טויט,
מיר קעמפען דאָך פאַר פאָלק'ס פרייהייט, פאָלק'ס־ברויט,
ענטפערען די נאַין גרויסע ריכטער, ניין, ניין,
צו דער תליה איר זאָלט גיין.

שטייט פאַר זיי דער גרויסער אַרבעטער פירער,
יודזשין וו. דעבס, דער הייליגער מאַרטירער,
און פאָדערט, עפענט די געפענגניש טירען,
איך זאָל קאָנען אונזער קאַמפ ווייטער פירען,
ענטפערען די נאַין גרויסע ריכטער, ניין, ניין!
אין געפענגעניש דו זאָלסט שטיין.

סאקא, וואנזעטי, הערליכע ארבעטער צוויי,
דער עלעקטרע־שטול, געווען שוין גרייט פאר זיי,
קומען פרעגען, פארוואס גיט איר נישט דעם טויט?
צו די שינדער, וואס שינדען פון פאלק די הויט,
שרייען די נאין, מיר ווילען אייך נישט קענען,
קאמוניסטען, אויפען שטול איר זאלט ברענען.

ווי קאץ און מויז, דאס פאלק און די גרויסע נאין,
ווען דאס פאלק זאגט יע, זאגען די גרויסע ניין,
א פערלאשען ליכט, און עס קאסט צו טייער,
מ׳זעהט אמאל א פונק, אבער ניט קיין פייער,
און א רויך א שווארצער און א געדיכטער,
פארשטעלט די גרויסקייט פון די גרויסע ריכטער.

בעסטיע פאשיסט

אַף אימפּעריאַליסטיש, קאַפּיטאַליסטיש מיסט,
אין די בלוטיגע טעג פון קריג,
איז אויסגעוואַקסען די ווילדע בעסטיע פאַשיסט,
און זי גרילצערט, קריג, קריג, קריג,
זיג, זיג, זיג.

מיט אַ הינטישען צונג אין איר מויל,
איר לאַפּע אַ אייזענער קנוט,
אַ בעסטיע, גראָב, מיאוס, אַ גרויל,
איז דאָרשטיג נאָך מענטשליכע בלוט,
און זי גרילצערט, קריג, קריג, קריג.
זיג, זיג, זיג.

פּעלדער ליידיג, און מיט בלוט פאַרגאָסען,
די שפּייכלער ברויט פאַר'ן פאָלק געשלאָסען,
הונגער און טרויער איבער גאָר דער וועלט,
די בעסטיע פאַשיסט, מער הונט ווי העלד,
לויפט און גרילצערט, קריג, קריג, קריג,
זיג, זיג, זיג.

שוין לאַנג געענדיגט דער בלוטיגער קריג,
איבער געלאָזט צרות מער ווי גענוג,
צרות אין לאַנד און איבער גאָר דער וועלט,
די בעסטיע פאשיסט מער הונט ווי העלד,
לויפט און גרילצערט, קריג, קריג, קריג,
זיג, זיג, זיג.

דעם פאַשיסט פראַנקאָ האָט עס געריייצט.

דעם פאשיסט פראנקאָ האָט עס גערייצט,
שפאַניע איז אַ פרייע לאַנד,
פון ביטערע פאָלקס־פיינט אויפגעהעצט,
איז ער ארויס שווערד און האנט.

ווי זיינע דור דורות פאר צייטען,
ווייל ער די פרייהייט טויטען,
און די יונגע רעפובליק פארבייטען,
אָף פאַסיסטישע קייטען.

פלאַטערען רויטע, שווארצע פאָנען,
עס קעמפען לעבען און טויט,
אויס שרייען וועלען די קאנאָנען,
ווער ס'רעגירט, שווארץ אָדער רויט?

דער הייליגער וואָס קאָן דערגרייכען, —
צום הימעל, ריידען מיט גאָט,
בענשט און הייליגט פראַנקאָס פארשוועכען,
זעקסטען פון די צען געבאָט;

אָבער שפּאַניע קעמפּט לייב און לעבען,
אז שפּאַניע זאָל בלייבען פריי,
שפּאַניע ניט צוריק איבער געבען,
אינקוויזיציע טיראַניי.

שטאָלץ פלאַטערט די שפּאַנישע פאָן.

שטאָלץ פלאַטערט די פרייע שפּאַנישע פאָן,
געבוירען אין שפּאַניעס רעוואָלוציאָן,
דאָס פאָלק האָט זיין וואָרט לאַנג צוריק געזאָגט,
די פאָלקס־פיינד פון הערשאַפט פאַריאָגט,
מאָנאַרך און מאָנאַך פון לאַנד פאַרטריבען,
פון אַלטקייט מער קיין סמן פאַרבליבען,
אָפּגעווישט אַמאָליקען בלוטיגען פלעק,
פון צייטען וואָס איז שוין לאַנג, לאַנג אַוועק,
די פרייהייט איז פון געפאַנגשאַפט אַרויס,
מיט פרייד זי ווערט אויפגענומען אין יעדען הויז.

פראַנקאָ קלויבט זיך די פאָן אַראָפּרייסען,
און ברייננגען איינע פון פאַשיסט פרייסען,
מיט שווארצע לעגיאָנען פון שטאָט און דאָרף,
און מיט תליונס האַק שוין גרייט און שאַרף,
וועט זיך קאַקלען שפּאַנישע קעפּ אין מיסט,
ער וועט מיט דעם פאָלק טאָן וואָס זיין הארץ גליסט,
ער חלומ'ט שוין פון די שייטער הויפען,
ווי ער וועט שפּאַניעס קעמפער באַשטראַפען,
שרייט אָבער דאָס פאָלק, פון העכסטע הויכען,
פראַנקאָ, קאָנסט די פרייע פאָן ניט גרייכען.

באַגעגנען זיך די ביטערע פיינד,
שפּאַניע פון אַמאָל און שפּאַניע פון היינט,
און עס קעמפט דעם פאָלקס אויסערוועלטע מאַכט,
מיט די פינסטערע גייסטער פון דער נאַכט,
ווערט גרעסער שפּאַניעס רייסטער מאַרטירער,
מיט שפּאַניעס בראַווע העלדישע פירער,
גלייך מיט'ן פאָלק זיי גייען אין פייער,
און קעמפען העלדיש און בראַוו אומגעהויער,
זיי פאַרהיטען אַז די שפּאַניע פון היינט,
זאָל ניט אריין אין די הענט פון דעם פיינד.

פרייע שפּאַנישע זין היטען שטאָט מאַדריד,
היטען זי פון פאַשיסט שמוציגע טריט,
אַ אייזענע וואַנט, פאָלקס טרייע אַרמייען,
לאָזען די פאַשיסטען ווייטער נישט גיין,
פריי געוואָרען, און פריי זיי וועלען זיין,
פינסטערניש וועט אין טעמפּעל ניט אריין,
דער שפּאַנישער פויער קעמפט פאַר זיין ערד,
דער אַרבעטער צו קריגען פול זיין ווערט,
עס קעמפט אַ יעדער שפּאַניער פרוי און מאַן,
שטאָלץ פלאַטערט די פרייע שפּאַנישע פאָן.

הער אויף דו פֿאַלשער פּריידיגער

הער אויף די פֿאַלשער פּריידיגער,
הער אויף פּריידיגען ליגען,
פּריידיג דעם אמת פּריידיגער,
דעם אמת דו וועסט קריגען.

הער אויף פּריידיגען די ליבע,
וואָס העלפֿט שארפֿען דעם מעסער,
דו פּריידיג בעסער די ליבע,
וואָס מאַכט די מענטשען גרעסער.

זאָג דעם פֿאָלק דעם ריינעם אמת,
הער אויף פּריידיגען ליגען!
זאָג דעם פֿאָלק דעם גאנצען אמת,
און זאָל דער אמת זיגען.

הימעל, אויב די גערעכטיגקייט איז ביי דיר?

הימעל, אויב די גערעכטיגקייט איז ביי דיר?
שיק זי גלייך אויף דער ערד ארונטער!
אויף דער ערד קוקט מען די אויגען אויס נאָך איר,
די מענטשען גייען שיעור אונטער.

מענטשען זוכען גערעכטיגקייט ווי מיט ליכט,
און זיי גאַרען זי זאָל שוין קומען!
עס קאָן זיין ווען זי קומט אין מענטשענס געריכט,
וואָלט מען זי ווארעם אויפגענומען.

אָף דער ערד זיכט מען זי אייביגע יארען,
קיינער האָט דער מאַדאם געזעהן,
צו איז זי ערגעץ פאַרפאָלען געוואָרען?
אָדער איז גאָר קיינמאָל נישט געווען....

הימעל דו בינסט רייך און שיינע פאַרבען.

הימעל, דו בינסט רייך אין שיינע פארבען,
אָבער ליבען, ליב איך מוטער ערד,
די ערד גיט, און פעלד די תבואה גארבען,
און וואָס זי גיט איז פון גרויסען ווערט.

די מוטער ערד, גיט ארויס פון איר בויך,
פרוכט, בלומען, און די זאַנגען פון ברויט,
דו שיינער הימעל, שענסטער אין דער הויך,
ביסט אַ צוזאָג, בלויז אויף נאָכ'ן טויט.

הימעל, ס'איז וואר דו שיקסט רעגען און טוי,
האָסט אמאָל מענטשען געשפייזט מיט מן,
אָבער מוטער ערד גוטסקייט איז אזוי,
דאָס קיין בעסערע איז ניט פאראַן.

הימעל, דיין הויכקייט האָט גאָר קיין גלייכעז,
און דיין שיינקייט איז גאָר אָן אַ שיעור,
זאָל דיין הויכקייט זיין, נאָר פאר דעם רייכעז,
מוטער ערד'ס גאָב, איז גענוג פאר מיר.

אָה מיין טייערע שוועסטער קלוגשאַפט.

אָה מיין טייערע שוועסטער קלוגשאפט,
יעדער טשעפּעט זיך צו דיר,
יעדערער וואָס נאָר עפּעס באַשאפט,
מיינט אז די שלאָפסט ביי זיין טיר.

וואוינסט מיט זיי באַרימען זיך אַלע,
זאָלען זיי זיך באַרימען,
א חתן גרויסט זיך פאר זיין כלה, —
מיט דיר און מיט די בלומען.

קלוגע שרייען זיי באַזיצען דיר,
מ'קאָן זיי ניט פאַרווערען,
נאַראָנים, זיך באַרימען מיט דיר,
דאָס איז נישט גוט צו הערען.

דער זומער איז אַוועק

III

שוין שפּעט, מ׳שלאָפט שוין אומעדים,
פינסטער שוואַרץ אַרום און אַרום,
מ׳הערט נאָר דאָס וואָיען פון ווינט, —
דאָס בילען פון היימלאָזע הינט.

עס געהן צוויי מיט שטילע טריט,
ווי פון עמיץ זיך אויסגעהיט,
צוזאַמען עס האָט זיי געבראַכט,
דער אומעט פון דער שוואַרצער נאַכט.

מיד, פערשלאָפען, אומגעגעסען,
אַ טאָג אין פּאַרק אָפּגעזעסען,
געזעץ היטער טרייבען אַרויס,
שלעפּט מען זיך צו אַ לאָדזשען הויז.

די ערד פרעגט לבנה און שטערן

די ערד פרעגט לבנה און שטערן,
אז די זון וועט פינסטער ווערן,
וועט איר געבען אייער שיין, —
אויף דער ערד זאל ליכטיג זיין?

ענטפערען לבנה און שטערן,
און ערד האט געטאן צו הערען,
מען האט אונז אזוי געמאכט,
אף צו לייכטען נאר ביינאכט.

געהערט האט דאס די פייער־פליג,
וועלכע האלט זיך פאר זעהר קלוג,
טוט זי א זאג זעהר גיך,
באלייכטען די ערד וועל איך.

און שנעל האָט זיך דערוויסט דער בליץ,
קומט ער צולויפען מיט אַ היץ,
און זאָגט ס'איז נאָר צו לאַכען,
פליגען ווילען ליכט מאַכען!

אויף לייכטען בין איך דאָך דער העלד,!
באַוואוסט איבער דער גאַרער וועלט,
און ביי דעם דונער ער שווערט,
ער וועט באַלייכטען די ערד.

די זון האָט געהערט און האָט געלאַכט,
פון דעם געשפּרעך חוזק געמאַכט,
וועל איך קיין ליכט מעהר געבען,
דאַן הערט אויף גאָר דער לעבען.

דער זומער איז אַוועק.

I.

זומער האָט פאַרנומען גאָר זיין פראַכט,
און איז זיך אַוועק זיין גאַנג,
מיט זיין לאַנגען טאָג און בלויע נאַכט,
מיט זיין שיינעם זונפערגאַנג.

צום אַנדענק האָט ער אונז געלאָזען,
אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט,
דאַרע בלעטער און געלע גראָזען,
וואָס זיינען פון זון פאַרברענט.

דער ווינט האָט געקראָגען פרישען כח,
ווען דער זומער איז אַוועק,
און ער בלאָזט שוין און וואויעט גאָר הויך,
די בלעטער פאַלען פאַר שרעק.

דער זומער איז אַוועק

II.

דער זומער איז אַוועק אויף זיין אייביגען וועג,
אָנגעקומען איז הערבסט מיט זיינע כמורנע טעג,
לעדיג דאָס פעלד, אויפען בוים ווי־ניט־ווי אַ בלאַט,
ווי די נאַטור וואָלט נאָר וואָס אַ פּאָרגראָם געהאַט.

אין פּאַרק אַ פייגעלע פון רעגען דורכגעשווענקט,
אויף אַ נאַקעטען צווייג זיצט פער'חלומ'ט און בענקט,
אָף אַ באַנק זיצט אַ מיידעל, אויגען פול מיט שרעק,
פערטראַכט, פערזאָרגט, וואָס איר זומער איז שוין אַוועק...

פאַרשווערונג פון שווארצע

א שוואַרצער וואָלקען, איז פון ערגעץ ארויס,
און געזוכט צו ווערען א העלד,
ער וועט אויסלעשען די שטערען, קליין און גרויס,
און פינסטער זאָל ווערען די וועלט.

מיט אַלץ וואָס עס לייכט, האָט ער זיך פארמאָסטען,
לייכטען זיי מוזען אויפהערען,
עס מעג אים אַפילו זיין לעבען קאָסטען,
ער מוז אויסלעשען די שטערן.

ער האָט צו די וואָלקענס גערעדט, גערופען,
געמיינט, ער וועט קריגען א מאַכט,
האָט זיי אַנגערעדט, מיט זיין צונג געשליפען,
אַז בעסער פון טאָג איז נאַכט.

קומט א הער איר וואָלקענס פון הימעל־רייך,
איך בעט אייך מיר אוים צו הערען,
עס וועט זיין בעסער פאר אונז אלעמען גלייך,
ווען מיר לעשען אוים די שטערן.

ווער דארף די שטערן מיט זייער גלאַנצען?
די לבנה, די ליכטיגע נעכט?
און די זון, ווער דארף זי האָבען אין גאַנצען?
איז דען פינסטערניש אזוי שלעכט?

קומט, לאָמיר מאכען פינסטער הימעל און ערד,
זאָל די וועלט ווערען אנטשלאָפען,
ביי וועמען פינסטערניש וועט האָבען קיין ווערט,
וועלען מיר דעם שווער באַשטראָפען.

מיר'ן פערטרייבען די שטערן די ליכטיגע,
דערנאָך וועלען מיר רעגירען,
מיר וועלען פערכאַפּען פלעצער וויכטיגע,
און די וועלט, מיר וועלען פירען.

די וואָלקענס מיד פון שטענדיגען אומלויפען,
האָבען אין אים זיך איינגעגלויבט,
און ער האָלט אין איין נאַרען זיי און בלאָפען,
אַז שטערן האָבען זיי באַרויבט.

די וואָלקענס האָבען אים ענטפער געגעבען,
זיי שטימען אין אַלץ מיט אים איין,
זיי ווילען בעסער אין פינסטערניש לעבען,
איידער מיט שטירן צו זיין.

און ווי ווילדע זיינען זיי זיך צולאָפּען,
צו מאַכען אַ פּאָגראָם אויף ליכט,
אַ שטערן אַז זיי האָבען אָנגעטראָפּען,
איז גלייך אים אריין אין געזיכט.

שטערן האָבען אָנגעהויבען צו פאלען,
און אסך זיינען צולאָפּען,
זונען גרויסע האָבען אויפגעהערט שטראלען,
ווען וואָלקען האָט זיי געטראָפּען,

וואָלקענס האָבען זיך גענומען צושפּרייטען,
צו מאַכען פינסטער גאָר די וועלט,
שווארצער וואָלקען האָט גענומען זיך גרייטען,
צו טראָגען די קרוין פון אַ העלד.

אַ שטורעם אַ גרויסער האָט אויסגעבראָכען,
און געבראַכט אַ שטאַרקען רעגען,
די קליינע וואָלקענס זיינען גלייך צוקראָכען,
צולאָפען פאַרשידענע וועגען.

דעם שווארצען וואָלקען האָט אַ דונער געכאַפּט,
און האָט אים צושלאָגען ריכטיג,
ער האָט אים אָף קלייניקע שטיקלאַך צוקלאַפּט,
די וועלט איז פאַרבליבען ליכטיג.

צוויי שכנים

זיי זיינען געווען צוויי שכנים,
אין אַ גרויסער הויז,
איינער האָט זיך געפירט פשוט,
און דער צווייטער גרויס.

אַז איינער אַרבעט האָט געוואוסט, —
אַ יעדער איינער,
פון צווייטען און זיין לעבען האָט, —
ניט געוואוסט קיינער.

זייערע פרויען האָבען זיך, —
שוין פון לאַנג געקאָנט,
ווען זיי זיינען נאָך אין אַ שאפּ,
ביידע געווען הענט.

נאָר פון יענער צייט אָן, איז שוין
יאָרען פאַרלאָפען,
און די פריינדינען האָבען זיך
קיינמאָל געטראָפען.

געוועזן פאַרנומען מיט דער הויז,
דערצויגען קינדער,
און שיקזאַל האָט זיי צו וואָרפען,
און שטעט באַזונדער.

איצט האָבען זיי זיך געטראָפען,
אין דער גרויסער הויז,
געהן די אַלטע פריינדינען,
צוזאַמען ארויס.

מיין מאַן איז א אַרבעטער, האָט, —
זיך איינע באַקלאָגט,
מיינער איז זעהר גוט צו מיר, —
האָט די צווייטע שטאָלץ געזאָגט,

מיינער איז זעהר גוט צו מיר, —
ער איז זעהר פיין,
יעדער אָוועגד פון שאָפּ גייט ער,
גלייך אין הויז אריין.

מיינער באַרימט זיך די צווייטע,
איז רק פּאַרנומען,
איבער גרויסע ביזנעס, קען ער,
אין צייט נישט קומען.

אזוי האָבען די פריינדינען, —
זיך גוט פארטראָגען,
נאָר אין די הערצער, זיי האָבען,
קנאה געטראָגען.

איינמאָל זיינען די פריינדינען,
געזעסען גערעדט,
ביז ביידע האָבען זיך געכאפט,
אַז ס'איז שוין שפעט.

שוין שפעט, מיין מאַן איז נאָך נישטאָ,
איך קאָן ניט פארשטיין,
זאָגט איינע צו איר פריינדין, וואו, —
ער האָט געקאָנט גיין.

בײַ אונז האָט נאָך ניט געטראָפֿן,
צײַט ער איז מײַן מאַן,
ער זאָל אַזוי שפּעט אין דער נאַכט,
אין דער הײם ניט זײַן.

מײנעם, ענטפֿערט די פֿרײַנדין, האָט, —
נאָך ניט געטראָפֿן,
אַז ער זאָל קומען, אײדער מיר, —
לײגן זיך שלאָפֿן.

אזוי זיינען די מענער, דארפסט, —
זיך ניט באַרימען, —
אַז דיינער איז בעסער, דיינער, —
אין צייט טוט קומען.

די צייט איז דערווייל געפלויגען,
אַוועק שעה נאָך שעה,
ס'איז שוין שפעט אין דער נאַכט, און, —
איר מאַן איז ניטאָ.

וואו זאָל איך געהן אים זוכען, פרעגט —
דאָס געטרייע ווייב,
אַ אומגליק האָט אים געטראָפען,
עס ציטערט מיין לייב.

און שנעל זי האָט זיך אָנגעטאָן,
איז אין גאַס אַרויס,
מיט אימפּעט איז זי געלאָפן,
אין פּאָליציי הויז.

פון דאָרטען איז זי אין שפּיטאָל, —
אוועק געלאָפן,
איר מאַן אַ טויטען, האָט זי אין, —
שפּיטאָל געטראָפן.

בען! האָט זי געטאָן אַ געשריי,
מיין טייערער בען,
זאָג, רעד, ווער האָט דיר ערמאָרדעט?
פאַר וואָס און פאַר ווען?

בען, איז געליגען אַ טויטער,
בלוט האָט געגאָסען,
אַ באַנדיט, אַ רויבער האָט אים, —
גאָר טויט דערשאָסען.

ער האָט זיך געשטעלט אַנטקעגען,
דעם רויבערס האַלד אָפּ,
האָט ער געקריגען פון רויבער
געשאָסען אין קאָפּ.

איבער דעם טויטען געבויגען,
אין ביטער געוויין,
האָט זי געשריען, בען, בען, וואָס, —
איז מיט דיר געשיין.

טומעל איז געוואָרען אין הויז,
אין מיטען דער נאַכט,
ווען מ'האָט דעם טויטען קערפּער,
פון שפּיטאָל געבראַכט.

ווען מען האָט דעם מערדער געכאַפּט,
איז זי געלאָפען, —
אין געריכט, און דאָרט האָט זי איר —
פריינדין געטראָפען.

די פריינדין אויפגערעגט, ווען זי —
האָט זי דערזעהן,
האָט זיך פון אָרט אויפגעהויבען,
ווי אַוועק צו גיין.

אייל זיך ניט, זאָגט זי איר, לאָמיר, —
דעם מערדער זעהן,
און נאָך דער זיצונג וועלען מיר, —
ביידע אהיים גיין.

מיט שרעק איז זי פון איר פריינדין,
ווי אָפּגעשפּרינגען,
ווען דער ריכטער האָט זיין גלעקעל,
גענומען קלינגען.

פּערציטערט איז זי געוואָרען,
זי האָט דערזעהן,
איר פריינדינס מאַן דער בראָקער איז —
דער מערדער געוועזן.

אומזיסט געוואַרט

דזשין גייט הייראַטען מאָרגען ביינאַכט,
מיט דעם, וועמען זי האָט ליב,
ליגט זי די נאַכט און חלומ'ט און טראַכט,
שיין זי וועט פירען איר שטוב.

מאָרגען וועט זי צו דער חופה גיין,
און ער וועט ווערען איר מאַן,
זיי וועלען לעבען הערלאַך און שיין,
דאָס שענער קען שוין ניט זיין.

זי וועט פאָרען אויף אַ האָני־מון,
מיט אים זיך אַמוזירען,
שיינע קליידער זי וועט זיך אָנטאָן,
און יעדען טאָג שפּאַצירען.

פריינט וועלען מתנות זיי ברייננגען,
די הויז זי וועט אויספוצען,
פענסטער מיט גארדינען באהענגען,
לעדיג זי וועט ניט זיצען.

חבר'טעס און פריינט וועלען קומען,
זיי וועלען איר מקנה זיין,
און אומעטום וועט מען זיי רימען,
וואָס זיי לעבען אזוי פיין.

אזוי האָט דזשון געטרוימט גאָר די נאכט,
געטרוימט פון א שיינע הויז,
זי האָט נאָר די אויגען אויפגעמאכט,
איז זי גלייך פון בעט ארויס.

אויך איר שוועסטער אַ יונגע און שיין,
איז ניט געשלאָפען די נאַכט,
און פון דאָס וואָס מאָרגען וועט געשעהן,
איז זי געליגען, געטראַכט.

די מאָרגען־זון מיט אירע שטראַלען,
האָט אַלץ באַגאָסען מיט חן,
דזשינען איז די האַרץ אָנגעקוואַלען,
דער מאָרגען איז אַזוי שיין.

זי האָט גלייך זיך גרייטען גענומען,
מיט פרייד זי האָט אַלץ געטאָן,
באַלד וועט דאָך איר ליבער אָנקומען,
היינט וועט ער ווערען איר מאַן.

און ענדליך איז אַלץ שוין צוגעגרייט,
די הויז יום־טוב׳דיג געמאַכט,
דזשין שוין אָנגעטאָן אין חופּה קלייד,
ווייל ס׳איז געוועזען שוין נאַכט.

די נאַכט איז געוועזען ליכטיג און שיין,
לבנה האָט ליכטיג געשיינט,
דזשין האָט שוין געטראַכט צו זיך אַליין,
וואָס אַלץ איז אַזוי שיין היינט.

דזשין לויפט אַלע ווײַלע צו דער טיר,
זי ווארט שוין ער זאָל קומען,
און ברײַנגען וועט איר ליבער פאַר איר,
א בוקעט פרישע בלומען.

אין הויז זיינן פערזאמעלט געסט פיל,
אלע צו דער חופה גרייט,
אז מען מאכט די חופה אין א שול,
קאן מען דאך ניט מאכען שפעט.

די צייט איז זיך דערווייל געפלויגען,
עס איז שוין א שפעטע שעה,
דזשין זיצט שוין מיט פארטערטע אויגען,
איר ליבער איז נאך נישטא.

און גלייך ברעכט זי אויס אין א געוויין,
זי האט געהערט וואס מ'רעדט
אז פאר א חתן איז דאס ניט שיין
חופה־נאכט צו קומען שפעט.

אויך די געסט האט דאס שטארק פערדראסען,
שוין אזוי שפעט אין דער נאכט,
זיי האבען פערדרוס אויפען חתן,
ר'האט פון זיי חוזק געמאכט.

די געסט הויבען אָן אַ היים צו גיין,
און דזשין זיצט נאָך אַלץ און וואַרט,
אָבער זי הויבט שוין אָן צו פערשטיין,
זי איז געוואָרען גענאַרט.

און פּליצלונג קומט אַ טעלעגראַמע,
וואָס וואַרפט אָף אַלע אַ שרעק,
איר שוועסטער זאָגט אָן טאַטע מאַמע,
אַז זי איז מיט אים אַוועק.

פּאָעטען שיקען אַ דאַנק.

צו דער זון, לבנה, שטערן און נאַציאָן,
האָבען פּאָעטען געשיקט אַ דאַנק,
וואָס וואָלטען מיר פּאָעטען אָן אייך געטאָן, —
פון וואָס וואָלטען מיר שאַפען געזאַנג?

אויך צום הימל, וואלד, בלומען און בוימער,
האָבען פּאָעטען געשיקט אַ דאַנק,
ווי וואָלטען מיר פּאָעטען און טרוימער, —
אָן אייך געשאַפען אונזער געזאַנג?

אָט איז דער ענטפער, מ'האָט זיי געגעבען,
אייער שיינעם דאַנק נעמען מיר צו, —
און בעטען, זינגט אויך פון אייער לעבן,
וויפיל איר ווילט, אונז לאָזט שוין צורו.

אַ שטיף, אַ לאך,

ברוגז אויפען שטאָט-באַלאָבאָס

אנזער ליבעראַלער שטאָט-באַלעבאָס,
האָט דערלויבט שלאָפען אין פּארק אַף די גראָז,
האָט דער מיסטער סטיין, אַ ווייבערשער העלד,
וואָס מיינט, ער איז דער שענסטער אין דער וועלט,
און האַלט זיך אויך, פאר זעהר אַ קלוגען,
ער קאָן די פרויען - הערצער באַזיגען, —
באַשלאָסען, ער וועט ניט שלאָפען אין הויז,
ווייל די היצען זיינען פאר אים צו גרויס.
איז ער באַנאַכט אין פּארק צו געלאָפען,
כלומר'שט צו לעגען זיך דאָרטען שלאָפען,
און דערווייל, האָט ער פאר אַ צייט-פּארטרייב,
גענומען פלירטען, מיט אַ פרעמדער ווייב,
וואָס איז געזעסען נעבען אים פארטראַכט,
דער רעליעף-מאַן האָט דעם טשעק ניט געבראַכט,
האַלאָ, זאָגט ער איר, אַזוי שפּעט אַליין?
ווילסט אפשר מיט מיר אין אַ קאַבעריי גיין?
נאָר באַלד איז מען אים פארפאָרען אין באַק,
איר מאַן וואָס איז דאַן געווען אין פּארק,
איז געוואָרען אַטומעל, אַ געשריי,
מען האָט אים גענומען אין פּאָליציי.

זיין פרוי האָט אים די גאַנצע נאַכט געזוכט,
און גאַנץ פרי אים געטראָפען אין געריכט,
ווי דער ריכטער האָט געשריען, דו סטיין!
אנשטאַנדיג זאָלסטו זיין, צען דאָלאר פיין!
מער האָט זיין פרוי שוין צו אים ניט גערעדט,
און זי האָט אים באַלד פערקלאָגט אַף אַ גט,
איז ער ברוגז אויפען שטאַט-באַלאַבאָס,
וואָס ער האָט דערלויבט שלאָפען אַף די גראָז.

מיין לענדלאָרד איז נעבאך קראַנק...

ס'האָט געוואוינט אַ שכן אין אונזער הויז,
מיט אַ פרוי און קינדער צוויי,
דער לענדלאָרד, אַ מענטש זעהר אַ גוטער,
איז געוואָרען פערליבט אין זיי.

דער מאַן האָט כמעט שטענדיג געארבעט,
און האָט פונקטליך געצאָלט די רענט,
און די פרוי האָט געהאַלטען די הויז ריין,
עס האָט געשפּיגעלט פון די ווענט.

פלעגט דער לענדלאָרד תמיד אזוי זאָגען ,
אז ער האָט די פאַמיליע ליב,
אַז זיי, מערער פון אַלע איינוואוינער,
זיינען אַ כבוד פאר זיין שטוב.

האָט ביי דעם שכן אַמאָל געטראָפען,
ס'איז ניט געווען קיין דירה־געלט,
האָט דער לענאָלאָרד גענומען דעם כבוד,
און אויף דער גאַס ארוים געשטעלט.

דער פארליבטער לענדלאָרד גייט אום און וויינט,
און ער שרייט געוואלט, עס טוט אים באַנק,
ער בענקט נאָכ'ן כבוד, ער שטארבט אַוועק,
און איז נעבאך זעהר שטאַרק קראַנק.

מיין שכן גרין, אַ מענטש שטיל און באַשיידען.

מיין שכן גרין, אַ מענטש שטיל און באַשיידען,
איך קאָן אים שוין פאַר יאָרען,
פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבען שטאָלץ ריידען,
וואָס אַזעלכעס איז געשיין?

זיין פרוי, זי האַלט שוין גאָר דעם קאָפּ פאַריסען,
איך קאָן זי גאָר נישט פאַרשטיין,
איך בין געוואָרען נייגערונג צו וויסען
וואָס אַזעלכעס איז געשיין?

נאָר באַלד האָט זיך זייער שטאָלץ געלאָזט הערען,
פון דער פרוים זיך באַרימען,
צו שטאָטישע ארבעט, גאַסען צו קערען,
מ'האָט איר מאַן צוגענומען.

זייער שרעק

א פויגעל האָט זיך געמאַכט אַ נעסט,
זיך צו שיצען פון קעלט, שנײ און פרעסט,
אויף אַ בוים, וואָס נעבען מיין פענסטער,
אין יענער גאַס, דער בוים דער שענסטער,
און ניט האָבענדיג וואָס צו זאָרגען,
פלעגט ער זינגען יעדען פרי־מאָרגען.
געזינגען געשווישטשערט, טשו, טשו, טשו,
איז געקומען אַ זי צו אים צו,
האָט זי אים געהאָלפען זינגען,
זיי האָבען די גאַסען פאַרקלינגען,
עס האָט ניט זעהר לאַנג גענומען,
איז אַ דריטע פייגעל געקומען, ...
איצטער יעדער פרי־מאָרגען מ'הערט
פון די פייגעל אַ זיסען קאָנצערט,
שרעקט דאָס די אײנוואוינער אומגעהויער,
דירות זאָל ניט ווערען צו טייער,
די הייזער האָבען איצט מערער ווערט,
אַ יעדען טאָג, א פרייער קאָנצערט.

עלטער, אויב דו קלייבסט זיך צו מיר גיין?

עלטער, אויב די קלייבסט זיך צו מיר גיין?
זאָלסטו קומען מונטער און שיין.
זאָלסט ניט קומען צו מיר קראַנק און שוואַך!
איך וויל נאָך טאָן אַ שטיף אַ לאַך.

און אויב ווי איך פערלאַנג קען ניט זיין,
שיק צו מיר דיין שכן אריין,
דיין שכן איז פאר מיר ניט קיין שרעק,
ער וועט קומען ,וועל איך אַוועק.

איך בין פֿאַרזאָרגט אויף דער עלטער

איך באַרעכען יעדען טאָג,
יעדער זאַך וואָס איך פֿאַרמאָג,
וועלדער, פֿעלדער, און בלומען,
פֿון קאָפּ אַרויסגענומען,
פֿריער גוט אַרומגעטראַכט,
דערנאָך דאָס אַרויס געבראַכט,
ביים זייט מיט די פֿעלדער גלייך,
לויפֿט אַ אויסגעטראַכטער טייך,
און אויף צו רוען ביינאַכט.
האָב איך אַליין אויפֿגעמאַכט,
אַ פּאַלאַץ ליכטיג און גרויס,
אַ שיין אויסגעטראַכטע הויז.
אַרום הויז האָב איך בלומען,
פֿון ערגעץ ווייט גענומען, ...
און ווען איך וועל ווערען אַלט,
האָב איך אסך זונענגאָלד . . .

עס פאַרען אין קאַר דריי ווייבער

עס פאַרען אין קאַר דריי ווייבער,
מיט כמעט נאַקעטע לייבער,
און יעדער איינע באַזינדער,
האָט געבען זיך אַ פּאָר קינדער,
די קינדער זייען אויס אַ שרעק .....
עסען־ווארג טראָגט מען גאַנצע פּעק,
ביים רעדען דאָס ווארפען די הענט,
האָב איך די ווייבער גלייך דערקענט....
אין קאַר איז פאַראַן מענטשען פיל,
און די קינדער זיצען נישט שטיל,
און ס'איז ענג און זעהר הייס,
עס גיסט פון יעדערען די שווייס,
און מיט אַמאָל ווערט אַ געשריי,
עס צושלאָגען זיך קינדער צוויי,
און די אידישע דראַי ווייבער,
מיט כמעט נאַקעטע לייבער,
זיי האָבען אויך נישט געשוויגען,
און גלייך זיך גענומען קריגען,
פּע, זאָג איך זיי, זעהר מיאוס,
איר זענט דאָך געווים פריינדינעס,

ניט פאַרגעסט איר זענט ניט אַליין,
קריגען זיך איז זעהר ניט שיין,
האָבען דראַי ווייבער מיט אַמאָל,
זיך הויך צושריען אויפען קול,
מיסטער, מאַנזשו ביזנעס, איר הערט!
מ'האָט אייך טיף, טיף אין דר'ערד....

עס שטעלען מיר אַפּ צוויי אידען

עס שטעלען מיר אַפּ צוויי אידען, —
אין גאַס, זיי ריידען און ריידען,
איך פאַרשטיי קיין וואָרט,
איך בין גאָר אַ פרעמדער צו זיי
ניט איך וויים, ניט איך פערשטיי,
וואָס זיי ריידען דאָרט,
די אידען לאָזען מיר נישט אָפּ,
די רייד קריכען מיר נישט אין קאָפּ,
זיי ריידען, שרייען,
און איך האָב אייגענע זאָרגען,
דער לענדלאָרד וועט קומען מאָרגען,
וואו גייט מען לייען?
שטיי איך מיט די צוויי אידען,
און זיי האַלטען אין איין ריידען,
פון אַ מאַן און אַ פרוי,
פאַרדינט ניט גענוג צום לעבען,
וויל זי אַ גט פון אים האָבען,
פרייגען מיר די אידען די צוויי,
האָט איר אַמאָל געהערט אזוי, —
זאָל האַנדלען אַ פרוי?
ניט געהערט, זאָג איך די אידען,
זיי זיינען אַוועק צופרידען,
מיט אַ אוי, אוי , אוי. . . .

צייטען — 3
ווי געבוירען, א פירער צו זיין — 19
עס שפילט און זינגט א אָרקעסטער — 21
פרעגט מיר מיין אייניקעל קלוג און שיין — 22
מיין אייניקעל מיט די שיינע אויגען — 23
צו א פריינט — 25
צו א פריינדין — 30
א בריף צו פריינט מאריער — 33
א בריף צו מאדאם פאלסקו — 35
דער בלויער פויגעל איז טויט — 37
די נאין גרויסע ריכטער — 39
בעסטיע פאשיסט — 41
דעם פאשיסט פראנקאָ האָט עס גערייצט — 43
שטאָלץ פלאטערט די שפאנישע פאָן — 45
הער אויף די פאלשער פריידיגער — 47
הימעל, אויב די גערעכטיגקייט איז ביי דיר? — 48
הימעל דו בינסט רייך אין שיינע פארבען — 49
די ערד פרעגט די לבנה און שטערן — 53
דער זומער איז אוועק — 55
אָה מיין טייערע שוועסטער קלוגשאפט — 56
פארשווערונג פון שווארצע — 57
צוויי שכנים — 62
אומזיסט געווארט — 72
פאָעטען שיקען א דאנק — 78
א שטיף א לאך — 79
ברוגז אויפען שטאָט באלעבאָס — 89
עס שטעלען מיר אָפּ צוויי אידען — 88
עס פאָרען אין קאר דריי ווייבער — 87
מיין לענדלאָרד איז נעבאך קראנק — 81
מיין שכן גרין, א מענטש שטיל און באשיידען — 83
זייער שרעק — 84
עלטער, אויב דו קלייבסט זיך צו מיר גיין — 85
איך בין פארזאָרגט אויף דער עלטער — 86